ויהי רצון, אז דער לימוד אין דעם קונטרס אהבת ישראל זאָל מוסיף זיין — באַ די משפיעים און משפיעות, און (דורך זיי) אויך באַ די מושפעים און מושפעות — אין דעם „כולנו כאחד",

און דורך דעם, וועט צוקומען אויך אין דעם „ברכנו אבינו" [ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא פרק לב, אַז „כולנו כאחד" איז די כלי צום „ברכנו אבינו", און ממשיך „ברכנו אבינו"],

ביז צו דער ברכה הכללית והמיוחדת והעיקרית פון „ואתם תלוקטו לאחד אחד בית ישראל"[8], אַז דער אויבערשטער וועט נעמען יעדער אידן באַזונדער, און צונויפנעמען זיי אַלעמען צוזאַמען אַלס „עם אחד" און „גוי אחד" — דורך תורה, וואָס זי איז תורת ה' אחד, און „תורה אחת לכולנו" — און ברענגען זיי, אונז אַלעמען לארצנו הקדושה, און בשמחה ובטוב לבב.

(משיחת ליל ה' אור לועש"ק פ' החודש, ה'תשל"ז)

---

8) ישעי' כז, יב. וראה רש"י נצבים ל, ג.

●

...בהמשך צו דעם וואָס מען האָט גערעדט[1] וועגן משפיעים און משפיעות:

אויפן פסוק ויקהל משה שטייט אין מדרש[2], און געבראַכט אויך לפסק הלכה[3]: „למה נאמר בפרשה זו ויקהל שלא נאמר כן בכל התורה כולה, אמר הקב"ה למשה רד[4] ועשה לי קהלות גדולות בשבת כדי שילמדו הדורות הבאים אחריך להקהיל קהלות בכל שבת . . ללמוד בהם תורה לרבים".

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת אַ איד קלייבט צוזאַמען אידן בשבת אויף לערנען מיט זיי תורה — סיי ענינים פון הלכה „להודיע[5] לעם את חוקי האלקים", סיי „דברי[5] אגדה להכניס יראת שמים בלבבם" — טוט ער עס בשליחותו און בכחו של משה. ביז אַז די פעולה ווערט אָנגערופן על שמו של משה — „ויקהל משה"[6].

און וויבאַלד אַז שבת איז מיני' „מתברכאן כל שיתא יומין"[7] — איז פאַרשטאַנדיק, אַז פון דער הקהלה בשבת — מיני' מתברכין אויך די הקהלות וואָס מען מאַכט בימי החול אויף לערנען ענינים פון תורה און יראת שמים, אויך די

---

1) בהתוועדות דליל ה' אור לועש"ק פ' החודש — נדפס לעיל.

2) יל"ש ר"פ ויקהל.

3) שו"ע אדה"ז סי' ר"צ. וש"נ.

4) להעיר מהמבואר בכ"מ (וראה גם לעיל שיחת ליל ה' אור לועש"ק פ' החודש הערה 1), שבכדי להשפיע צריך לצמצם א"ע — ענין ירידה.

5) לשון אדה"ז שם.

6) להעיר מפרש"י ש„ויקהל" „הוא לשון הפעיל כו' נאספין ע"פ דבורו" — דמזה משמע שב„ויקהל משה" נכללת גם ההקהלה שבדורות הבאים. ובפרט ע"פ ל' היל"ש דאמר הקב"ה למשה רד כו' כדי שילמדו הדורות הבאים אחריך להקהיל כו'.

7) זח"ב סג, ב. פח, ב.

פעולות זיינען מעין הנ״ל — ובפרט אויב זיי קומען אלס א המשך אדער א מסובב פון הקהלה בשבת — ווערן זיי געטאן בשליחותו ובכחו פון משה׳ן.

און דעריבער איז די משפיעים און משפיעות וואס טוען בענין זה — צוזאמענקלייבן אידן און לערנען מיט זיי ענינים פון תורה און יראת שמים — האבן ניט וואס נתפעל צו ווערן פון קיינע שוועריקייטן, וויבאלד אז זיי טוען עס בשליחותו פון משה׳ן, וואס שלוחו של אדם כמותו[8].

* * *

נאך א פרט אין דעם:

אין נדבת המשכן האבן זיך משתתף געווען ניט נאר אנשים און נשים נאר אויך טף, ווי עס שטייט אין אבות דר״נ[9].

פון דעם איז מובן, אז אין „כל עדת בני ישראל" וואס משה האט מקהיל געווען (צוליב נדבת המשכן) ווערן נכלל (ניט נאר אנשים און נשים נאר) אויך טף[10].

און וויבאלד אז אלע פירושים וואס אין זעלבן פסוק זיינען מתאים זה לזה[11] — איז מובן, אז אויך דער ענין פון „להקהיל קהלות . . ללמוד בהם תורה לרבים" איז ניט נאר בנוגע צו אנשים און נשים נאר אויך בנוגע צו טף.

ומזה מובן, אז דער ענין פון משפיעים און משפיעות איז ניט נאר בנוגע צו גדולים נאר אויך בנוגע צו קטנים וקטנות. און ס׳איז כדאי אז אויך פון צווישן די קינדער עצמם זאלן זיין משפיעים און משפיעות, וואס זאלן משפיע זיין אויף בני גילם און די קלענערע פון זיי — מוסיף צו זיין אין לימוד התורה [כולל אין דעם לימוד פון די צוועלף פסוקים און מאמרי רז״ל[12]] און אויך אין קיום המצוות צו וועלכע זיי זיינען שייך[13].

[און נוסף דערצו וואס די פעולת ההשפעה פון די קינדער וועט ברענגען א הוספה אין לימוד התורה וקיום המצוות בא בני גילם וכו׳ — וועט עס ברענגען א תוספת התעוררות אויך בא גדולים און גדולות (און ניט נאר בא גדולים בשנים נאר אויך בא גדולים בידיעת התורה ויראת שמים). ווי מען זעט במוחש, אז בשעת א גדול זעט ווי קינדער טוען אן ענין פון תורה ומצוות מיט א ווארעמקייט און מיט א תמימות, פועלט עס אויף אים א גרויסע התעוררות].

און בשעת מען וועט זיי מסביר זיין אז די פעולה וואס זיי וועלן טאן — משפיע צו זיין אויף אנדערע קינדער — איז עס בשליחותו ובכחו של משה

---

8) קדושין מא, ב. וש״נ.

9) פרק יא. אוה״ח כאן. וראה צפע״נ כאן (ומחלק בין משכן ומקדש). ומש״כ באוה״ח לזח״ב קצה, א בשם הרמ״ק „אבל לא טף" — י״ל דס״ל בפי׳ האדר״נ דקבלו מהטף באם נתנו, אבל לא ד„ויקהל משה" גם הטף לצוותם, דהרי פטורים ממצות. וראה רמב״ם הל׳ ביהב״ח (פ״א הי״ב): אנשים ונשים כמקדש המדבר.

10) כמפורש באוה״ח.

11) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 782.

12) ראה בארוכה שיחת ליל ער״ח אייר, ל״ג בעומר, ושיחת י״ג תמוז — תשל״ז.

13) ראה שו״ע אדה״ז חאו״ח סשמ״ג ס״ג.

[וואס אויך א קינד ווייס זיין שייכות און פארבונד מיט משה רבנו. ווארום משהתחיל לדבר האט מען געלערנט מיט אים „תורה[14] צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"[15].

ובמילא ווייס ער, אז נוסף דערצו וואס ער (אלס איינער פון „קהלת יעקב") האט באקומען די תורה ווי א ירושה פון משה'ן, זעט ער אויך ווי מען האט אריינגעשטעלט אים („קהלת יעקב") אין תורה אין איין פסוק צוזאמען מיט משה'ן],

וועט עס אויף זיי פועל'ן, אז זיי זאלן ניט נתפעל ווערן פון קיינע שוועריקייטן, און אדרבה: טאן דאס מיט גרויס זריזות און חיות — ויסנדיק, אז זיי טוען א שליחות פון משה רבינו.

* * *

כאמור לעיל[1], אז בכדי די השפעה זאל זיין ביתר שאת וביתר עוז, דארפן די משפיעים און משפיעות זיין דורכגענומען מיט אהבת ישראל וואס זי איז דער יסוד כל התורה כולה[16], וואס דערפאר וועט מען אפדרוקן, בלי נדר, דעם קונטרס „אהבת ישראל" אין א מהדורה מיוחדת פאר די משפיעים און משפיעות

— איז עד"ז וועט מען אויך ארויסגעבן, בלי נדר, א קונטרס פון די פסוקים מאמרים און פתגמים וועגן אהבת ישראל, וואס זיינען צוגענגליך אויך פאר קינדער, כל אחד ואחת לפי השגתו

אנהויבנדיק פון דעם מאמר חז"ל „ואהבת לרעך כמוך[17] אמר רע"ק זה כלל גדול בתורה"[18] [וואס דער מאמר חז"ל איז דאך איינער פון די צוועלף פסוקים און מאמרי חז"ל הנ"ל],

און מען וועט עס געבן צו די קינדער, ילדים און ילדות, וואס טוען בענין ההשפעה,

און דאס וועט זיכער מוסיף זיין אין חיזוק און הצלחה אין זייער השפעה.

* * *

ויהי רצון, אז בקרוב ממש זאל זיין „בנערנו ובזקננו נלך בבנינו ובבנותינו גו'"[19],

און מיט א ריבוי טף, אזוי ווי ס'איז געווען ביציאת מצרים[20] [וואס „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[21]],

---

14) ברכה לג, ד.

15) הל' ת"ת לאדה"ז בתחלתם. וש"נ.

16) תניא פרק לב.

17) קדושים יט, יח.

18) תו"כ ורש"י שם.

19) בא יוד, ט.

20) ראה סוטה יא, ב. שמו"ר פ"א יב. תיב"ע בא יב, לז.

21) מיכה ז, טו.

און עס זאל זיין „והשיב לב אבות על בנים"[22], ווי רש"י טייטשט אפ „ע"י בנים", וכאמור לעיל אז די קינדער וועלן פועל'ן אויך אויף די ערוואקסענע,

און אלע צוזאמען, „כל עדת בני ישראל", וועלן גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו, בקרוב ממש.

(משיחת ש"פ ויק"פ, פ' החודש, ה'תשל"ז)

22) מלאכי בסופו.

חאטש מיט א פארשפעטיגונג באשטעטיג איך די ערהאלטונג פון דעם בריף . . . מיט די בייגעלייגטע רשימות פון די אסיפות ביז דאן, און איך האף אז אויך אויף ווייטער וועט איר ניט נאר פארטזעצען די ביז איצטיגע ארבעט נאר וועט אויך פארגרעסערן, און מיר האבען די הבטחה פון רז"ל, אשר אין לך דבר העומד בפני הרצון ויגעת ומצאת.

ספעציעל בין איך געווען צופרידען צו זעהען אין אייערע רשימות אז א טייל פון די לימודים זיינען בדינים ומנהגי ישראל, וואס אויך מנהג ישראל תורה היא, און האפענטליך גיט איר פארצוג (פריארייטי) צו די דינים וועלכע זיינען נוגע און טרעפען זיך מער אין דעם טעגליכען לעבען און זעלבסט פארשטענדלעך אויך אין די ענינים פון וועלכע זיינען פארבונדען מיט מדות טובות, און ווי עס איז באוואוסט דער מאמר פון רבי עקיבא, ואהבת לרעך כמוך זהו כלל גדול בתורה.

בייגעלייגט איז דא מיינער א מכתב כללי וואס איך האף אז עס וועט אייך בריינגען נוצען אין דער ארבעט און השי"ת זאל מצליח זיין יעדע איינער פון אייך אין די אויבענדערמאנטע עסקנות און אין אירע ענינים הפרטים.

(ממכתב ה' אד"ר תשי"ד)

. . . מ"ש אודות האברך שנגע בזקנו, הנה צריך הי' להרבות עליו ריעים ובפרט שאחיו הגדול ממנו מתנהג כדבעי. וגם להסביר לו, על פי המובא בס' דרך מצותיך חלק ב' ע"פ והוא רחום, אשר י"ג ת"ד הם נגד י"ג מדות הרחמים, וכל אלו שאין יכולים לתבוע הצטרכותם מהשי"ת בדין כ"א במדת חסד ורחמים, הרי מדה כנגד מדה — יש להם להשאיר בשלימות התיקוני דיקנא, עיי"ש בארוכה. ובמילא מובן, שאברך הצריך להסתדר בפרנסה ובשידוך טוב וכו' ומוכרח לרחמי השי"ת בכלל, עליו להדר בהי"ג ת"ד. ובודאי ימצא האותיות המתאימות לזה . . .

(ממכתב י"ב מנ"א תשי"ד)